בעזהשי"ת

# דבר חריף

## מקץ - חנוכה

**שנת תשפ"ה לפ"ק**

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

## צו הערן שיעורים

**אויף א דירעקטע ליין פון**
**מערכת קול לשון**

**אין ארץ ישראל – 073.321.1792**

**אין אמעריקא - 646.934.6134**

# פרשת מקץ -חנוכה תשפ"ה

בעזהשי"ת מען געפינט זיך שוין פרשת מקץ - חנוכה תשפ"ה די סדרות מקץ און ויגש פאלן געוועגליך אויס אין חנוכה און עס ליגט אין דעם א שיינעם רמז,

עס איז באקאנט אז חנוכה ווערט נתגלה די אור הגנוז, און חנוכה האט א שטארקע שייכות מיט משיח, ווי עס ווערט געברענגט אין ספרי חסידות אז וואס פאר א יאר מען איז נענעטער צו די גאולה, איז די אור פון חנוכה אסאך שטערקער ווי די יאר פריער,

קומט אויס אז די ווערטער מקץ - ויגש איז מרמז אויף די ענין - אז די קץ דערנענטערט זיך מקץ - די קץ, ויגש - דערנענטערט זיך, און מען וועט שוין אט אט זוכה זיין צו דעם.

עס איז באקאנט די קשיא פון בית יוסף פארוואס האט מען מתקן געווען אכט נעכט חנוכה, די ערשטע נאכט איז דאך געווען גענוג שמן צו צינדן, איז דאך די ערשטע נאכט נישט געווען די נס,

מען קען דאס פארענטפערן לויט די מחלוקת אין די גמרא אין מסכת שבת ביי די סוגיא פון חנוכה,

וואס אגב די יום טוב חנוכה, די גאנצע ענין פון די נס און בכלל אלע ידיעות, ווייסט מען אלעס פון אפאר בלעטער גמרא, זעט מען פון אפאר בלעטער גמרא ווערט א יום טוב, אז איינער זעצט זיך לערנען ווערט פון דעם א יום טוב.

עכ"פ אין די מחלוקת בית שמאי און בית הלל האלט בית שמאי פוחת והולך און בית הלל האלטן מוסיף והולך,

רש"י זאגט אויף די ווערטער אין די גמרא וואס בית שמאי זאגן לויט איין שיטה אין גמרא כנגד ימים הנכנסים כנגד ימים העתידים לבוא אזוי איז די לשון רש"י אין די גמרא.

מען טרעפט אז סאיז דא א מחלוקת בית שמאי ובית הלל לגבי שבת צו צו מען דארף זיך שוין זארגן פון זונטאג אויף שבת,

צו לשיטת בית הלל וואס האלט ברוך ה' יום יום אז מען דארף האב בטחון אז די אויבעשטער וועט שוין מזמין זיין א שיינע בהמה אויף שבת און מען קען ווארטן אויף אינמיטן די וואך,

זעט מען פון דעם מחלוקה פון בית שמאי ובית הלל אז סאיז תלוי אין די מחלוקה פון בית שמאי ובית הלל לגבי חנוכה וואס בית שמאי זענע פוחת והולך און בית הלל זענען מוסיף והולך

מיט די הקדמה קען מען זאגן א טעם פארוואס לויט בית שמאי איז מען פוחת והולך – איז, ווייל אונז האפן מיר אז איבער א יאר וועט שוין משיח דא זיין וואס חנוכה איז קעגן לעתיד לבוא,

ווי אויף חנוכה האט דאך אכט טעג, וועו משיח וועט קומען איז אויך מכוון קעגן די מספר אכט, עס וועט נתגלה ווערן די אכטע טאון אין נגינה, אכט איז בינה וועו משיח וועט קומען וועט מען שוין אלעס פארשטיין,

בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים איז אלס מקושר די קבעו שיר - מיט בני בינה - ימי שמונה - אלעס דרייט זיך ארום די נאמבער אכט,

חנוכה איז א צייט וואס מען קען זיך ארויסדרייען פון יעדע פראבלעם, און אנדרייען ישועות די נאמבער אכט איז מרמז אויף דעם ענין ווייל די אכט איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי מאל די נאמבער 3 איינס די געהעריגע זייט און איינס די צווייטע זייט

איבערגעדרייטערהייט פון די לינקע זייט,מרמז צו זיין וויפיל ישועות א איד קען אנדרייען, ישועות און השפעות, און וויאזוי מען קען זיך ארויסדרייען פון יעדער פראבלעם, בשמאל דוחה וימין מקרבת.

אין די וואכעדיגער סדרה ויהי מקץ שנתים ימים, ויהי אין ויהי אלא לשון צער, אז א מענטש מאכט מיט א צער אדער אן עגמות נפש קטן כגדול, און ער וויל אז מקץ עס זאל קומען א סוף צו די עגמות נפש,

שנתים - איז צוויי - וואס איז מרמז אויף די צווייטע מידה וואס איז גבורה זאל ער זיך 'מתגבר' זיין, זאגט די פסוק ווייטער 'ימים' וועט אים ווערן "לעכטיג'

די ווארט ליל"ה איז ר"ת ל'אמיר י'עצט ל'אמיר ה'יינט - א איד דארף זיך שטארקן אפילו ער מאכט מיט א מצב פון לילה - יעצט צו טוהן און היינט צוטוהן - אפילו סקומט אן שווער.

זאל די אויבעשטער העלפן הרחמן הוא יעשה לנו נסים ונפלאות כמו שעשה נסים לאבותינו בזמן הזה מען זאל זעהן חסדים מגולים למטה מעשרה טפחים און זוכה זיי סזאל שוין נתגלה ווערן די אור הגנוז ותחזינה עינינו בשובת לציון ברחמים וועו סוועט מקויים ווערן והדליקו נרות בחצרות קדשיך אכיה"ר: